מגבית

# שמחת יו"ט

לשמח נצרכים ועניי עירינו בקריתינו הקדושה

שע"י קהל אור החיים ד'טאהש

אם אתה משמח את שלי אני משמח את שלך

# מפעל "שמחת יום טוב" דקהלתינו הק' קוקט ארויס אויף גאר א ווארעמער אפרוף צו קענען דערפרייען צענדליגער משפחות אין שטעטל אויף יו"ט

## מ'ערווארט גרעסערע סכומים נישט צו דארפן אפזאגן די נויטיגע משפחות

קרית טאהש - אין די פארנומענע ערב יום טוב טעג, איז ווידער אונטערגענומען געווארן דער יערליכער גרויסארטיגער "שמחת יום טוב" קאמפיין, וואס זארגט מעורר צו זיין דעם חשוב'ן ציבור זיך אנצורופען ווארעם לטובת די נישט פארמעגליכע איינוואוינער, און גרעסערע משפחות, וועלכע זענען אנגעוויזן אויף עזר וסעד צו קענען אריינברענגן דעם יו"ט סוכות זמן שמחתינו הבעל"ט.

**אזוי ווי ס'איז נהוג בכל תפוצות ישראל ארויסצוהעלפן די משפחות וועלכע זענען אנגעוויזן אויף הילף און מוטשען זיך א גאנץ יאהר, ובפרט ווערט זייער מצב פילפאכיג שווערער ווען ס'קומען די ימים טובים, מיט די גרויסע יו"ט הוצאות, פעלט זיך דעריבער אויס זיי ארויסצוהעלפן זיי זאלן קענען אריינברענגן דעם יום טוב אין שטוב מיט הרחבת הדעת.**

די עסקנים רופן דעריבער דעם ציבור זיך מתבונן צו זיין און אריינטראכטן, וויאזוי ס'קוקט נעבעך אויס דער מצב אין די שטובער, ווען אנשטאט צו פילן א געשמאקע ערב יום טוב אטמאספערע, פילט זיך ליידער אן אנגעצויגענקייט פון "כסף מנלן", דערצו איז ביי די גרעסערע

משפחה דא חוץ די צרכי יום טוב גרויסע הוצאות אויסצושטאפירן די קליינוואַרג מיט קליידונג.

וואס אויב א גאנץ יאהר דארף מען זיך זארגן פאר די משפחות איז דאך דער חיוב פילפאכיג גרעסער אויף יום טוב, ווי ס'ווערט געפ'סקנ'ט אין רמב"ם, אז די שמחת יום טוב פון א איד איז נאר דאן עולה לרצון אויב ער איז אויך משמח די ארעמע און צובראכענע נפשות. וז"ל הרמב"ם, בהל' יו"ט פ"ו ה"ט: **וכשהוא אוכל ושותה חייב להאכיל לגר וליתום ולאלמנה עם שאר העניים האומללים, אבל מי שנועל חצרו ואוכל ושותה הוא ובניו ואשתו ואינו מאכיל ומשקה לעניים ולמרי נפש, אין זו שמחת מצוה אלא שמחת כריסו וכו' ושמחה זו קלון היא להם שנאמר וזריתי פרש על פניכם פרש חגיכם.**

און וואו דער זוהר הקדוש שרייבט מורא'דיגע ווערטער, אינעם שטיקל פון "ביומא דשבתא", תא חזי בכלהו שאר זמנין וחגין בעי בר נש לחדי ולמחדי למסכני, ואי הוא חדי בלחודוהו ולא יהיב למסכניה עונשיה סגי, דהא בלחודוי חדי ולא יהיב חדו לאחרא, עלי' כתיב וזריתי פרש על פניכם פרש חגיכם, די הארבקייט און וויכטיגקייט צו זארגן אז אנדערע אידן זאלן האבן אלעס גוטס אויף יו"ט.

ובפרט אז **"עניי עירך" איז דאך די ערשטע דין קדימה וואס קומט פריער פון אלע אנדערע צדקות**, איז דאך נישט קיין ספק אז עס ליגט אויף די תושבי העיר זיי ארויסצוהעלפן, ובפרט מי לנו גדול וואס מיר האבן געהאט די געוואלדיע זכי' צוצוקוקן די הייליגע עבודת עבודה'דיגע מדת הצדקה וחסד פון אבינו רועינו רבינו הקדוש זיעועכי"א, וואס האט מיט מסירת נפש אלעס אוועקגעגעבן פון זיך, און זיך נאך צוזאמגעבארגט צו טון צדקה וחסד בלי גבול.

די עסקנים קוקן ארויס אז די חשוב'ע אנ"ש וואס זענען בארימט מיט זייער מעשה צדקה וחסד וואס איז לשם ולתפארת אין די גאנצע וועלט, וועלן זיך טאקע אנרופען מיט באדייטענדע סכומים, וואס די חשוב'ע עסקנים וועלן צעטיילן בפיקוחו פון הרב הגאון הדומ"ץ שליט"א, און דערמיט דערפרייען צענדליגער משפחות חשובות לכבוד יו"ט בדרך כבוד.

**צו הילף פון חשובן דיין שליט"א פאר די הערליכע אונטערנעמונג שטייען העסקנים הנמרצים לתורה ולתעודה הרב צבי זאב בערגער שליט"א און הרב זיידא מאירוביץ שליט"א, הרב זעליג ראטענבערג שליט"א, מיט די געטרייע הילף פון עסקנים חשובים.**

ארויסצוברענגען דאס ספעציעלע חשיבות הענין מוז באטאנט ווערן אז דאס איז א געוואלדיגער גרויסער זכות פאר אלע משתתפים. ווען מיר וועלן אלע אויסשרייען ותשובה... וצדקה מעבירין את... לאמיר וויסן אז מיר האבן געטוען דאס ריכטיגע צדקה פון **עניי עירך קודמין**.

די עסקנים וועלן אי"ה זיצןביים טישל אין ביהמ"ד במשך די וואך, און דער ציבור

די הנהלת
קוקט שטאר
יעדער זאל זיך ב
000
וואס איז א סכום
ולכה
300
וכל המוסיף מוסיפין

ווערט געבעטן זיך ווארעם אנצורופן מיט סכומים הגונים וברוח נדיבה.

די הנהלת המפעל קוקט שטארק ארויס אז יעדער זאל זיך באטייליגן מיט **$1000.00**, וואס איז א סכום השוה לכל נפש, ולכה"פ $500.00. גלייכצייטיג ווענדן זיי זיך צו די נדיבי עם, אז ווער ס'איז ביכולת זאל מוסיף זיין בעין יפה כפי יכולתם, וכל המוסיף מוסיפין לו מן השמים.

לויט די הוראת הדיינים שליט"א קען מען עס צאלן פון מעות מעשר, אדער צוזאמשטעלן דאס געלט ממעות צדקה. און אפילו די וואס זענען אויף די רשימה פון די מקבלים ווערן אויך געבעטן זיך אנשטרענגען און געבן נדבת לבם וואס ווי דערמאנט קען מען גיין נאך געלט דערפאר, ובזכות זה וועט השי"ת משפיע זיין אז זיי זאלן טאקע ווערן פון די נותנים בקרוב, אמן.

עס דארף דערביי באטאנט ווערן, אז אפילו ווער עס האט ב"ה די זכי' צו גיבן אויך אליין זאל זיך אויך נישט פטר'ן פון איבערגעבן די ביישטייערונג פאר די צדקה קאסע, צו נעמען אנטייל מיטן כלל, און מיט'ן זכות הרבים ווי דער כלל "אינו דומה מועטים העושין את המצוה למרובים", בפרט ווען מען איז אנגעוויזן אויף רחמי שמים פאר א גוט געבענטשט יאר.

אויך פארמאגט די צדקה די ספעציעלע סגולה פון "מתן בסתר יכפה אף", וואס וועט בע"ה ממתיק זיין אלע דינים און ממשיך רחמים וחסדים וכל מיני ישועות – און באזונדער זענען דא וואס מחמת בושה מוטשען זיך שטילערהייט און דער דיין שליט"א און די עסקני המפעל שיקן זיי אריין בדרך כבוד, איז דעריבער מזה ומזה אל תנח ידך, און בנוסף צו די פערזענליכע נתינות, זאל מען זיך נישט ארויסדרייען פון ערפילן דעם חוב צו די "שמחת יום טוב" קאסע, און דאס שטיצן ביד רחבה.

**בפרט אונז תלמידי וחסידי מרן רבינו הקוה"ט זי"ע וואס מיר ווילן פארבלייבן מקושר באילנא דחיי אויך בעלמא דקשוט צו מעורר זיין זכותו הגדול והקדוש ער זאל אונז ווייטער משפיע זיין מברכותיו הטהורים מגן עדן, דורכ'ן גיין בדרכיו הקדושים צו העלפן און מחי' זיין לכבוד יו"ט די וועלכעווארטן דערויף, בפרט ווען דאס איז אונזערע אייגענע ברודער, דאס וועט זיכער מעורר זיין דער הייליגער רבי זי"ע זאל לעומתינו זיך מיען ווייטער פון גן עדן פאר אונז, פאר'ן גאנצן ציבור שיחיו, און פאר כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א בראשינו, מיר זאלן זוכה זיין צו א זיס לעכטיג יאהר מיט כל מיני השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות, וגמר חתימה טובה בספרן של צדיקים גמורים, לנו ולכל ישראל, אכיה"ר.**

...לת המפעל
...רק ארויס אז
...ר באטייליגן מיט
**$100...**
...ם השוה לכל נפש
...כה"פ
**$50...**
...סיפין לו מן השמים.

# די פלאם פייערדיגע ווערטער פון הייליגן "פלא יועץ" זצ"ל זענען אונז שטארק מחייב

וזלה"ק:

ואם בכל הרגלים מצוה לשמח על אחת כמה וכמה בחג הקדוש הזה, אשר הוא זמן שמחתנו כאשר אנו אומרים בתפלה, ועליה כתיב (דברים טז יד, טו) ושמחת בחגך והיית אך שמח.

ובשמחתו לו יתערב **לשמח לב עניים ואביונים וזו מצות כל החגים והמועדים**, דאי איהו חדי ולא חדי למסכני, עלה כתיב (מלאכי ב ג) וזריתי פרש על פניכם פרש חגיכם. **וכל שכן בחג הקדוש הזה דחיובא רמיא ליתן לעניים חלק האושפיזין**, שאם אינו נותן מקללין אותו קללות נמרצות האושפיזין, **ואם יתן ישא רב ברכות מהם** כמפרש בזהר הקדוש (ח"ג קד) אי לזאת יחרד האיש וילפת ויהא חפץ בברכה ולא יגרע מלהזמין על שלחנו איזה עני, ואם לא יוכל לעשות זאת לפחות יפריש מממונו לצדקה בערב הרגל על כל סעודה ויאמר בפה מלא, **זה אני נותן לצדקה, בשביל חלק אברהם אושפיזא קדישא**, וזה אני נותן בשביל חלק יצחק אושפיזא קדישא מסעודתי, וכן על זה הדרך, או ישלח מאכל לעני קדם כל סעודה, **ובזה ישא ברכה ורב טוב.**

---

ואשר חנן אותו אלקים עושר, חטאיו בצדקה יפרוק, וירבה בצדקה בימים אלו [ימי הרצון דאלול ותשרי].

(מורה באצבע אות רמ"ח, להחיד"א)

ובימים הללו [ימי הרצון דאלול ותשרי] שהוא הזמן לקצוב מזונותיו, אם רואים השמים שזה יכול לסבול עניות, ואפשר לו להסתפק במועט, גם ה' יתן לו כפי שיעורו, ולא יותר, לכן כל היד המרבה לתת צדקה בימים האלה, משמיא יהב יהבי ליה על כל פרוטה ופרוטה תרקבא דדינרי וכו'.

(מועד לכל חי סימן יא אות טו, לרבי חיים פאלאגי זצ"ל)